אבער בנוגע צו דעם פרש"י וועגן שבט לוי (המדובר לעיל), איז וויבאלד אז לוי איז "יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל" - האט דאס עפעס קיין ארט ניט אז מ'זאל בלייבן אן א ביאור אין דעם, וועט מען דאס איצטער מבאר זיין.

לד. דער ביאור אין דעם פארוואס "מלאכת שעבוד מצרים לא היתה" אויף גאנץ שבט לוי - האט שוין רש"י פריער באווארענט:

אויפן פסוק (ויחי נ, יג) "וישאו את בניו", דערציילט רש"י אז יעקב האט אנגעזאגט זיינע זין ווער זאל טראגן זיין ארון, און ער האט געזאגט אז "לוי לא ישא שהוא עתיד לשאת את הארון" (ועד"ז "יוסף לא ישא שהוא מלך").

און דאס איז א זאך וואס איז זיכער געווען מפורסם איבער גאנץ ארץ מצרים, ווארום וויבאלד אז די מצריים האבן אפגעגעבן א ספעציעלן כבוד צו יעקב'ן, "ויספדו שם מספד גדול וכבד מאד" (שם, י) און "אבל כבוד זה מצרים" (שם, יא) - איז דאך פארשטאנדיק אז ווען זיי האבן געזען אז לוי טראגט ניט דעם ארון איז בא זיי דאס געווען א וואונדער -

איז בכדי שלא ידברו הבריות האבן דאך די שבטים זיכער זיי מסביר געווען פארוואס לוי טראגט ניט דעם ארון פון יעקב, ווארום ער וועט שפעטער טראגן דעם ארון אין משכן -

איז דאך דאס געווען א דבר מפורסם לכל מצרים אז לוי גיט מען אפ א ספעציעלן כבוד, ווארום ער וועט שפעטער טראגן דעם ארון.

וואס דערפאר בשעת פרעה איז געקומען משעבד זיין די אידן, האט ער ניט געקענט משעבד זיין אויך שבט לוי, ווארום אלע האבן געוואוסט (אויך פרעה) ווער שבט לוי איז, אז יעקב האט ספעציעל אויסגעטיילט לוי פון שאר השבטים דערפאר וואס זיי וועלן שפעטער טראגן דעם ארון.

ובפרט אז פרעה האט משעבד געווען די אידן אין אן אפגענארטן אופן, "בפה רך" - איז אויב ער וואלט אויך געזאגט אז לוי זאלן גיין ארבעטן, וועלן דאך די אנדערע אידן ניט וועלן גיין, ווארום זיי ווייסן אז לוי דארף זיין אויסגעטיילט פון שאר השבטים.

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י שרייבט דא אז "מלאכת שעבוד מצרים לא היתה על שבטו של לוי" (און ניט נאר אויף א חלק פון דעם שבט).

לה. עס בלייבט נאך אבער די שאלה: וויבאלד אז לוי זיינען ניט געווען משועבד - איז ווי זיינען זיי דערנאך ארויס פון מצרים?

איז דער ביאור אין דעם פארשטאנדיק פון דעם המשך רש"י הנ"ל: נאך דערויף וואס רש"י דערציילט אז יעקב האט געזאגט אז "לוי לא ישא שהוא עתיד לשאת את הארון ויוסף לא ישא שהוא מלך", איז ער ממשיך אז "מנשה ואפרים יהיו תחתיהם".

ד.ה. אז ס'איז ניט דער פשט אז לוי (און יוסף) זיינען געווען אויסגעטיילט פון די אנדערע שבטים, דערפאר האבן זיי בכלל קיין שייכות ניט מיט טראגן דעם ארון פון יעקב'ן, נאר דער פשט איז אז "מנשה ואפרים יהיו תחתיהם", אז דורך דערויף וואס מנשה ואפרים טראגן דעם ארון איז דאס כאילו ווי לוי (און יוסף) טראגן דאס, ווארום מנשה ואפרים טוען דאס בשליחותם וואס "שלוחו של אדם כמותו", (און ניט נאר דערפאר וואס מ'האט געדארפט האבן אז זיי זאלן דאס טראגן וויבאלד אז עס פעלן לוי און יוסף)

הנחה פרטית בלתי מוגה

ועד"ז בנדו"ד:

ס'איז ניט דער פשט אז וויבאלד אז לוי זיינען ניט געווען משועבד (דערפאר וואס מ'האט געוואוסט אז זיי דארפן שפעטער טראגן דעם ארון), דערפאר האבן זיי בכלל ניט געהאט דעם ענין פון "גר יהי' זרעך", ד.ה. דער ענין השעבוד.

נאר דער פשט איז אז דער שעבוד פון די אנדערע אידן איז אויך געווען "תחתיהם ד.ה. אז דורך דערויף וואס די אנדערע אידן זיינען געווען משועבד איז דאס אויך בשליחות פון שבט לוי, און דערפאר איז דאס כאילו ווי שבט לוי זיינען אויך געווען משועבד למצרים.

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס אויך שבט לוי זיינען "ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", ווארום בא זיי איז אויך געווען דער ענין פון "גר יהי' זרעך גו'".

לו. די הוראה פון דעם פרש"י:

מ'מאנט דאך פון יעדן איינעם אז מ'זאל טאן אין די מבצעים, אין "מבצע אהבת ישראל", "מבצע חינוך", "מבצע תורה", "מבצע תפילין", "מבצע מזוזה". "מבצע צדקה", "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי'", און די דריי מבצעים וואס זיינען במיוחד איבערגעגעבן געווארן פאר נשי ובנות ישראל, "מבצע נרות שבת קודש", "מבצע כשרות האכו"ש", און "מבצע טהרת המשפחה".

זיינען אבער דא אזוינע וואס תואנה הם מבקשים, און זיי טענה'ן אז זיי האבן קיינמאל ניט געזען אז כ"ק מו"ח אדמו"ר זאל שטייען אויף "טיימס סקווער" און לייגן תפילין מיט א אידן.

ס'איז בכלל א שאלה צי ער איז אמאל געווען אויף "טיימס סקווער", אבער ס'איז א זיכערע זאך אז ער איז דארטן ניט געשטאנען לייגן תפילין מיט א אידן.

און וויבאלד אז זיי זיינען תואנה הם מבקשים פרעגן זיי אויך אויף דעם, אז וויבאלד אז כ"ק מו"ח אדמו"ר וואס ער מאנט אז מ'זאל טאן אין די מבצעים, איז אליין קיינמאל ניט געשטאנען אויף "טיימס סקווער" לייגן תפילין מיט א אידן - איז פארוואס דארפן זיי דאס טאן?!

האט מען די הוראה פון רש"י:

וויבאלד אז לוי דארף באווארענען אז זיינע אייניקלעך זאל טראגן דעם ארון אין דעם משכן, דערפאר זאגט אן יעקב אז מ'זאל היטן דעם כבוד פון לוי שוין איצטער און דערפאר זאל ער ניט טראגן זיין ארון.

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער דין פון "העוסק במצוה פטור מן המצוה" איז דוקא ווען מ'קען ניט טאן ביידע מצוות דערפאר וואס זיי קומען ביידע אין די זעלבע צייט -

אבער בנוגע צו טראגן ארונו של יעקב, איז וואס איז נוגע איצטער דאס וואס די אייניקלעך פון לוי וועלן טראגן דעם ארון אין משכן. וואס דערפאר קען לוי שוין איצטער ניט טראגן ארונו של יעקב?!

איז דערפון פארשטאנדיק אז וויבאלד אז לוי דארף באווארענען אז זיינע אייניקלעך זאלן דאס טאן, דערפאר דארף מען היטן זיין כבוד שוין איצטער.

און ס'איז ניט דער פשט אז ער טראגט ניט ארונו של יעקב, נאר מנשה ואפרים טוען דאס במקומו.

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו כ"ק מו"ח אדמו"ר:

וויבאלד אז ער דארף באווארענען אז זיינען קינדער און זיינע אייניקלעך זאלן טראגן דעם ארון, דערפאר האט ער א ספעציעלע ציווי פון ישראל סבא און ישראל זוטא אז ער זאל ניט טאן די ענינים וואס אלע טוען.

מש"א א צווייטער איד דארף זיך גוט אריינטראכטן צי ער איז "יפתח בדורו כמשה בדורו", וואס "כמשה בדורו" איז ער זיכער ניט, אבער אפילו ווי "יפתח בדורו" דארף ער אויך טראכטן צי ער איז.

און ער דארף זיך אריינטראכטן אז מיהו ואיזהו וואס קען זאגן אז ער וועט ניט טאן די מבצעים, דערפאר וואס ער דארף באווארענען אז זיינע אייניקלעך דארפן טראגן דעם ארון?!

דאס איז אבער ניט דער פשט אז כ"ק מו"ח אדמו"ר טוט ניט די ענינים, נאר דער פשט איז אז דורך דערויף וואס אלע אידן טוען דאס בשליחותו, וואס "שלוחו של אדם כמותו", טוען זיי דאס במקומו.

און דוקא דורך דערויף וואס אנדערע טוען דאס בשליחותו ובמקומו, נעמט ער דערנאך ארויס די אידן פון גלות.

ווי דאס איז געווען בא שבט לוי, אז דורך דערויף וואס מנשה ואפרים זיינען געווען "תחתיהם", איז דערנאך געווארן אז שבט לוי זאל ניט זיין משועבד למצרים, דערפאר וואס דער שעבוד פון אנדערע אידן זיינען במקומם -

כולל אויך אז משה ואהרן זאלן ניט האבן דעם שעבוד, וואס דוקא דורך דערויף וואס משה ואהרן זיינען ניט געווען משועבד, האבן זיי געקענט ארויסנעמען אלע אידן פון מצרים, ד.ה. אז ס'זאל ווערן דער "אחרי כן יצאו ברכוש גדול".

לז. דער ביאור אין דעם בעבודת האדם וואס מנשה ואפרים זיינען במקומו פון לוי [ווארום ס'איז דאך ניט דער פשט אז באם טראגן ארונו של יעקב, איז דאס וואס מנשה און אפרים זיינען "תחת פון לוי און יוסף, איז איינער איז כנגד לוי כנגד יוסף, נאר פונקט ווי בא יוסף איז במקומו מנשה און אפרים, עד"ז בא לוי איז במקומו מנשה און אפרים]:

מ'האט אמאל גערעדט בארוכה דער חילוק פון מנשה און אפרים אין עבודת האדם (ראה לקו"ש ויחי תשל"ט), אז דאס ליגט אין דעם אונטערשייד פון זייערע נעמען:

"מנשה" איז על שם נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי" (מקץ מא, נא) וואס בעבודת האדם איז דאס:

אז מ'גיט זיך א טראכט אריין אז ס'איז געווען דער ירידת הנשמה "מאיגרא רמה בבירה עמיקתא", און אין אן אופן פון "בעל כרחך את חי" -קען מען דאך ווערן אראפגעפאלן בא זיך, און מ'ערנט ווי זיך אוועקזעצן וויינען אויף דעם ביטערן גלות.

זאגט מען אז עס דארף זיין "נשני אלקים את כל עמלי", אז מ'דארף פארגעסן אויף דעם גאנצן ענין הגלות, ווארום מ'ווייסט אז מ'איז אראפגעקומען דא למטה בשליחותו של הקב"ה, און מ'ווייסט אז אויך למטה איז מען פארבונדן מיט למעלה, ביז נאכמער: וויבאלד אז "במקום של מחשבתו שם הוא נמצא", איז אויך למטה ווערט מען איין זאך מיט למעלה.

הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס דאס פועל'ט אז אויך למטה זאל מען בכלל ניט טועם זיין דער גאנצער ענין הגלות, ביז אז עס ווערט "עבדו את ה' בשמחה", ווארום ער איז בשמחה פון דעם וואס ער איז איין זאך מיט למעלה.

און וויבאלד אז ער איז איין זאך מיט למעלה שטייט ער העכער פאר דעם גאנצן ענין פון "איגרא רמה" און "בירה עמיקתא", וואס דעמלאט איז כאילו ווי ער איז קיינמאל ניט אראפגעקומען אין "בירה עמיקתא".

ובלשון החסידות אז ער איז פארבונדן מיט עצמות ומהות וואס ער איז העכער סיי פון "בירה עמיקתא" און סיי פון "איגרא רמה".

וואס דאס איז בכללות די מעלה פון בע"ת אויף צדיקים אז די עבודה איז אין אן אופן פון "לדלג שור", אז מ'שפריינגט איבער אלע ענינים פון "בירה עמיקתא" און פון "איגרא רמה", און מ'שפרינגט דאס איבער "בשעתא חדא".

וואס דאס איז דער "נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי" - ווארום וויבאלד אז ביי אים איז "כי אביו ואמו עזבוני", דערפאר ווערט "וה' ואספני", וואס דאס איז דער ענין פון "נשני אלקים.. את כל בית אבי", וואס פון אן "אב" ווערט דערנאך א "בן", וואס דאס איז בכללות עבודת הצדיקים, משא"כ די מעלה פון עבודת הבע"ת איז וואס ער שטייט העכער פאר דעם גאנצן ענין פון "אב" און "בן".

לח. דערנאך קומט צו די עבודה פון "אפרים" - על שם "הפרני אלקים בארץ עניי" (מקץ שם, נב):

ער געפינט זיך אין "ארץ עניי", אין דעם חושך הגלות, און דארטן איז ער עובד עבודתו צו באלייכטן דעם חושך מיטן אור הקדושה.

וואס דעמאלט ווערט אין דעם "ארץ עניי" עצמו דער ענין פון "הפרני אלקים", ווארום עס קומט צו דער ענין פון "יתרון האור מן החושך ויתרון החכמה מן הסכלות".

וכמבואר בתניא בארוכה (פ"ז) אז וויבאלד אז "עד הנה היתה נפשו בארץ צי' וצלמות", וואס דאס איז דער ענין פון "ארץ עניי", דערפאר איז "צמאה נפשו ביתר עז מצמאון נפשות הצדיקים", און "הואיל ועל ידי זה" וואס ער איז געווען אין אזא חושך ("זדונות"), "בא לאהבה רבה זו", דערפאר ווערט "זדונות נעשו לו כזכיות".

וואס די עבודה פון "אפרים", אז פון דעם "ארץ עניי" עצמו ווערט "הפרני אלקים", איז די צווייטע פרט וואס איז דא אין עבודת התשובה, און דאס איז א העכערע אופן אין עבודת התשובה ווי דער עבודה פון "מנשה", "נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי":

די עבודה פון "נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי", איז ע"ד דער ענין פון אתכפיא, ווארום ניט ער איז עובד עבודתו אין דעם גלות גופא, נאר ער טארכט ניט וועגן דעם גלות און דערפאר איז ער ניט טועם דעם טעם הגלות;

משא"כ די עבודה פון "הפרני אלקים בארץ עניי" איז ע"ד דער ענין פון אתהפכא ווארום ער לאזט זיך אראפ אין דעם חושך הגלות, אין "ארץ עניי", און ער איז דאס מברר.

לט. דערמיט וועט מען פארשטיין פארוואס מנשה און אפרים זיינען במקום לוי:

לוי איז דער ענין פון "וילוו עליך וישרתוך ואתה ובניך אתך לפני אהל מועד" (קרח יח, ב), און לוי גופא האט געהאט דריי בנים, גרשון קהת ומררי, וואס בכללות איז

הנחה פרטית בלתי מוגה

איז "גרשון" און "מררי" ע"ד דער ענין פון "מנשה" אין עבודת האדם, און "קהת" איז ע"ד דער ענין פון "אפרים" בעבודת האדם:

"גרשון" איז מלשון "גירושין" (לקו"ת נשא כא, סע"א), וואס דאס באווייזט אויף די עבודה פון אתכפיא, ווארום ער שיידט זיך אפ פון וועלט.

ועד"ז "מררי" איז מלשון "מרירות" (גם בלקו"ש חי"ג 19), וואס דאס איז אויך ע"ד די עבודת פון אתכפיא.

וואס דערפאר זיינען גרשון און מררי ע"ד דער ענין פון מנשה, "נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי" - די עבודה פון אתכפיא.

"קהת" איז מלשון "ולו יקהת עמים" (ויחי מט, י), וואס דאס איז די עבודה פון מאסף ומקבץ זיין אלע בירורים, די קו האמצע וואס דאס איז דער העכערער דרגא אין תשובה - די עבודה פון אתהפכא, ווי ער איז מבאר אין לקו"ת (שם, א).

וואס דערפאר איז קהת ע"ד דער ענין פון אפרים, "הפרני אלקים בארץ עניי" - די עבודה פון אתהפכא.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק פארוואס מנשה און אפרים זיינען במקום לוי, ווארום מנשה און אפרים זיינען כולל אין זיך אלע פרטי העבודה פון לוי (גרשון קהת ומררי).

מ. דער עיקר הכוונה פון כל האמור לעיל איז ניט דער דיבור, און ניט דער צחות, און מ'וויל ניט מאטערן דעם עולם אין א היץ מיט אן אריכות הדיבור - נאר די כוונה איז אז דאס ארויסקומען אין פועל ממש:

מ'זאל מוסיף זיין אין דעם לימוד פון תורה אור און לקוטי תורה, און אין דעם אלטן רבין'ס שו"ע, וואס מסיבות שונות ומשונות זיינען די לומדים בזה א מיעוט קטן, און ווי מ'האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות (שיחת מוצאי ש"פ שמות)

ונוסף צו די הצעה וואס מ'האט דעמאלט גערעדט, אז מ'זאל קובע זיין שיעורים אין דעם אלטן רבין'ס שו"ע - וויל מען אויך מציע זיין, אז אזוי ווי מ'האט לאחרונה פארלייגט דעם תו"א און לקו"ת אויף א זייט, ווי באלד אז מ'לערנט המשך תרס"ו וכיו"ב

דארף מען וויסן אז דאס איז נאר לפי שעה, ווארום באלד קומט דאך משיח צדקנו, וואס דעמאלט וועט זיין "אהרן ומשה עמהם", און דער אלטער רבי בראשם - וועט מען דאך זיכער לערנען תו"א און לקו"ת מיט די שאר ספרים פון דעם אלטן רבי'ן.

איז מען מציע אז מ'זאל נאכאמאל מחזיר זיין א קביעות אין דעם לימוד פון דער "חסיד'ישער פרשה פון דער וואך" - בשבועות אלו א קביעות אין לערנען תו"א, און ווען עס קומט די פרשיות פון בשלח און פקודי - אנהויבן לערנען לקו"ת.

און יעדער איינער זאל לערנען לפי ערכו, אבער מ'זאל לערנען עכ"פ כמה שורות בעיון, און די איבעריקע חלק פון "דער חסיד'ישער פרשה" אפליינען וויפל מ'קען, און אין די איבעריקע צייט לערנען די אנדערע דרושים פון "דער חסיד'ישער פרשה פון דער וואך".

ועד"ז זאל מען מוסיף זיין אין אלע מבצעים, ווי מ'האט פריער אויסגערעכנט, און אזוי ווי "מבצע תפילין" איז "הוקשה כל התורה לתפילין", עד"ז איז בנוגע צו אלע מבצעים, אז פון זיי קומט מען צו כל התורה כולה (חסר הסיום).

* * *

הנחה פרטית בלתי מוגה